בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

בראשית
כ"ו תשרי תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:29 |
| מוצש"ק | 6:42 |
| ר"ת | 7:21 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:49 | סוז"ת א' 10:01 |
| סוזק"ש ב' 9:34 | סוז"ת ב' 10:31 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קנ"ו
שנה ד'

## טיב המערכת

# אמונה און תמימות

ווען דוד המלך איז אנטלאפן פון זיין זון אבשלום, איז שִׁמְעִי בֶּן גֵּרָא אים אנטקעגן געקומען, און האט אים זייער שטארק פארשעמט און געשענדעט, און שמעי האט זיך נישט בארואיגט פון זיין צארן ביז ער האט אויך געווארפן שטיינער אויף דוד. א גרויסן בזיון האט דוד באקומען דעמאלטס, ווייל נישט גענוג וואס ער איז געווען געצוואונגען צו אנטלויפן און פארלאזן די מלוכה, נישט גענוג אז זיין זון יאגט אים נאך, איז נאך געקומען איינער פון די סנהדרין און האט אים פארשעמט און דערנידערט דורכן אים באווארפן מיט שטיינער, כאילו ער וואלט געווען א ליידיג-גייער.

ווען אבישי בן צרויה האט דאס געזען, האט ער געבעטן ערלויבעניש פון דוד אפצושניידן דעם קאפ פון שמעי, אזוי ווי דער דין איז ביי א מורד במלכות, אבער דוד האט אים צוריקגעהאלטן דערפון, זאגנדיג 'ה' אָמַר לוֹ קַלֵּל'. טראץ זיין דערנידערטן מצב האט ער זיך מחזק געווען מיט אמונה, אז אלעס איז פון הימל.

דא האט דוד אנטפלעקט אז קיין שום מצב וועט אים נישט אוועקפירן פון זיין שטארקע אמונה, און נאכדעם וואס ער איז ביייגעשטאנען דעם נסיון, איז ער גאר שטארק געשטיגן, אויף אזוי ווייט אז די הייליגע חז"ל זאגן אז אין דעם זכות האט ער זוכה געווען אז ער איז געווארן די רֶגֶל רְבִיעִי בַּמֶּרְכָּבָה. זיין פעסטע שטאנד אינעם נסיון פון אמונה – דאס האט אים ארויפגעברענגט צום שפיץ פון די מדריגות.

די לעבן פון דוד איז דאך געווען א 'הַשְׁלָמָה' צו די לעבן פון אדם הראשון, וויבאלד אדם הראשון האט געשאנקען זיבעציג יאר פון זיינע לעבנס-יארן צו דוד, אוןווירקליך זעען מיר אז די יארן פון דוד המלך איז געווען אזוי ווי 'איין שטיק' מיט די לעבן פון אדם הראשון, ווייל אט די פעסטע אמונה איז שוין געווען ביי אדם הראשון.

אין די פרשה פון די וואך זעען מיר וויאזוי אדם הראשון איז געווען אזוי שטארק מיט זיין אמונה. דאס איז געווען דערנאך וואס חוה האט אים געמאכט שטרויכלען אינעם זינד פונעם עץ הדעת, און דעמאלטס האט ער געזען ווי זיין וועלט איז חרוב געווארן צוליב אט דעם שטרויכלונג, ווייל ביז דעמאלטס איז ער געזעצן אין גן עדן, און האט זוכה געווען דארט צו האבן פארגעניגן, עס האט אים גארנישט געפעלט, און אלע זיינע באדערפענישן זענען געווען גרייט פאר אים אנדעם וואס ער זאל זיך דארפן אנשטרענגען, און דא האט זיך אראפגעלאזט אויף אים אזא גרויסע צרה – דער אויבערשטער האט אים געלאזט וויסן אז ער וועט דארפן פארלאזן דעם גן עדן. אויך די קללה פון בְּזֵעַת אַפֶּיךָ תֹּאכַל לֶחֶם האט זיך דעמאלטס אראפגעלאזט איבער אים, און פון יעצט און ווייטער איז ארויפגעלייגט געווארן אויף אים דעם פלאג צו צוגרייטן זיינע באדערפענישן, וואס דאס איז געטון געווארן מיט גרויס מוטשעניש, וויבאלד אפילו קיין גראב-געצייג איז נאכנישט געווען, און אויסערדעם וואס זיין לעבן איז געווארן זייער ביטער, איז ער נאך אויך באשטראפט געווארן דעמאלטס אז ער וועט דארפן שטארבן.

טראץ דעם אלעם, זעען מיר אז גלייך נאכן באקומען אט דעם שטראף, שטייט אין פסוק 'וַיִּקְרָא הָאָדָם שֵׁם אִשְׁתּוֹ חַוָּה כִּי הִיא הָיְתָה אֵם כָּל חָי', נישט נאר וואס ער האט נישט געהאט קיין פאראיבל, נאר ער האט איר נאך מכבד געווען וויבאלד זי איז 'אֵם כָּל חָי', און דאס אלעס איז געווען צוליב זיין לויטערע אמונה, געדענקענדיג אז הַכֹּל בִּידֵי שָׁמַיִם.

(עפ"י טיב התורה – בראשית)

## טיב הפרשה

# מכבד זיין און שעצן וואס מען געבט מיר!

אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר איבער די חטא פון דער עץ הדעת און די עונשים וואס הקב"ה האט געגעבן פאר אדם און פאר חוה אויף די חטא.

דער פסוק שמועסט אויס די געשפרעך וואס הקב"ה האט געהאט מיט אדם הראשון בנוגע די חטא, אז ווען הקב"ה האט גע'מוסר'ט אדם הראשון האט ער געזאגט פאר אדם הראשון, האשה אשר נתת עמדי, היא נתנה לי מן העץ ואכל.

רש"י אויפ'ן ארט איז מדייק די ווערטער 'אשר נתת עמדי' און שטרייכט אונטער אז דא האט אדם הראשון כופר געווען בטובה וואס הקב"ה האט געטון מיט אים, און ווי עס איז דער לשון פון רש"י "כאן כפר בטובה".

רש"י מיינט צו זאגן אז בעצם וואלט אדם הראשון געקענט נוצן אן אנדערע לשון צו פארענטפערן די טענה וואס הקב"ה האט געהאט אויף אים.

אנשטאט צו זאגן 'האשה אשר נתתה עמדי', וואלט ער געקענט נוצן די זעלבע לשון וואס חוה האט גענוצט ווען הקב"ה איז געקומען צו אים מיט א טענה.

קעגן די טענה פון הקב"ה, האט חוה געענטפערט 'הנחש השיאני ואכל' אז דער נחש האט איר צוגערעדט און דאס איז געווען איר טענה.

די דריי ווערטער וואס ער האט גענוצט זאגנדיג

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

'אשר נתת עמדי', האט געהאט אין זיך א רמז אז ער איז זיך מתרעם אויף די עצם זאך אז ער האט באקומען א פרוי און דאס האט זיך שוין געגרעניצט מיט א כפיית טובה - ווי ער לייקענט אין די טובה אז הקב"ה האט אים געגעבן א פרוי.

שפעטער ווען הקב"ה האט געגעבן די שטראף פאר אדם הראשון פון 'בזיעת אפיך תאכל לחם', איז די עונש נישט נאר געווען אויף די 'חטא עץ הדעת', נאר אויך די כפיית טובה פון אדם הראשון.

די בחינה ליגט אין די ווערטער וואו די תוה"ק שטעלט פאַר די עונש. איידער הקב"ה געבט די עונש פאר אדם הראשון, איז דא א הקדמה פון עטליכע ווערטער, כי שמעת לקול אשתך, און אין דעם איז מרומז אז אין די עונש איז אויך נכלל די 'חטא' פון כפיית טובה.

מען זעט אויך אז שפעטער האט אדם הראשון תשובה געטון אויף דעם. נאך איידער מען האט אים ארויסגעטריבן פון גן עדן האט ער באטיטלט חוה אז זי איז די 'אם כל חי', צו ווייזן אז ער שעצט איר.

דארט זעט מען אויך אז אין די רגע וואס ער האט תשובה געטון איז נתקבל געווארן זיין תשובה, און ווי דער פסוק איז מעיד אויפ'ן ארט אז הקב"ה האט זיי געמאכט כתנות עור.

עס קען זיין אז די בחינה ליגט אין דער מאמר חז"ל אין די גמרא [בבא מציעא דף נ"ט] אוקירו לנשייכו כי היכי דתתעתרו, ווייל דער מקור פון די גזירה אז מען דארף ארבעטן און שוויצן אויף פרנסה נעמט זיך פון די כפיית טובה פון אדם הראשון, און עס מתקן צו זיין דארף מען מכבד זיין די פרוי און שעצן איר עקזיסטענץ, און דורכדעם קומט די עשירות.

די פרשה איז א לימוד פאר אונז וויפיל מען דארף מכיר טובה זיין הקב"ה אויף אלעס וואס מען האט, און אז דאס איז דער שליסל צו שפע פאר יעדן איד.

אסאך מאל איז שווער מכיר טובה צו זיין, דער מענטש איז געוואוינט צו קוקן אויף די נעגאטיווע זייט, מער ווי אויף די פאזיטיווע זייט, אבער אז מען געוואוינט זיך איין צו קוקן פאזיטיוו און צו שעצן וואס מען האט, איז מען זוכה אז דורכדעם עפענען זיך אויף די טויערן פון שפע.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל אייביג קענען זוכה זיין צו זען די שפע אלקי וואס איז דא און די גוטע חלקים וואס א איד האט, און אזוי ארום וועט מען זוכה זיין צו אלע ברכות וואס הקב"ה איז משפיע אויף די וועלט און צו א שפע אין אלעס וואס מ'טוט.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
### געשריבן דורך לייענערס

# א שליח מיט חלות

אין ברען פון די הכנות פון ערב ראש השנה, האב איך באשטעלט ביי די לאקאלע בעקעריי אסאך חלות אויף יום טוב.

דער פארקויפער האט אנגענומען די באשטעלונג. מיר האבן אפגעמאכט צווישן זיך אז אין די באשטימטע שעה וועל איך עס קומען נעמען פון אים.

צו די באשטימטע שעה בין איך געקומען צוגיין צו אים. איך האב אים געפרעגט וואו מיינע חלות זענען.

"איך האב אינגאנצן פארגעסן פון דיין באשטעלונג, איך האב שוין נישט קיין חלות".

דער פארקויפער האט מיר בארואיגט אז ער האט נארוואס ארייגעלייגט א פרישע טייג אין אויוון און ביז א שעה צייט וועלן די חלות זיין גרייט.

"קום צוריק אין א שעה".

א שעה שפעטער בין איך געקומען צוגיין. ער האט געהאט א שפע פון חלות, איך האב אנגעפולט די קאר מיט חלות.

דער פארקויפער איז געווען אין א גרייזע. עס האט אויסגעזען ווי ער האט שוין נישט קיין געדולד.

"זאג, אפשר האסטו וואס צו טון מיט די אלע געבליבענע חלות, איך וויל שוין פארשליסן די געשעפט, איך וויל זיך גיין גרייטן אויף יום טוב".

עס איז געלעגן דארט א בארג מיט חלות, איך האב אים געענטפערט אז יא. איך האב אנגעפולט מיין קאר מיט חלות און זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג.

זיצנדיג אין קאר האב איך ארומגערופן צו חברים און גוטע פריינט צי זיי ווילן חלות, אבער קיין איינער האט נישט געדארפט. איך האב געוואלט אויסנוצן די געלעגנהייט און ארייינכאפן א מצוה פאר ראש השנה, אבער קיין איינער וויל נישט מיינע חלות.

איך האב אנגעהויבן טראכטן אז אפשר וועל איך עס לייגן אין א שול, אין א דאַרמיטאָרי [קוואַטיר/ פנימיה].

מיין פלאן איז געווען אהיימצוגיין אין שטוב, אבער פאר דעם האב איך געוואלט אריבערגיין צו איינער פון די חשוב'ע ראשי הישיבה מיט וועמען איך בין זייער נאנט, און אים ווינטשן א גוט יאר.

איך בין אריין אין שטוב, מיר האבן גערעדט אפאר מינוט, אויפ'ן וועג ארויס, טראכט איך צו מיר, לאמיר פראבירן מיין מזל. איך געב אים א פרעג צי אפשר דארף ער חלות.

עס איז אים געווארן אומאנגענעם אבער אויף זיין פנים איז געווען קענטליך אז יא ער וואלט געקענט נוצן די חלות.

"איך וועל דיר זאגן וואס איז געשען", הייבט ער זיך צו פארענטפערן.

"די בחורים אין די ישיבה האבן פארגעסן צו קויפן חלות. די בעקעריי איז שוין געווען פארשלאסן. נישט האבנדיג קיין אנדערע אויסוועג האט מיין פרוי זיך געוואלט גיין שטעלן באקן חלות".

מיט א שמחה האט ער איבערגענומען די חלות, ער האט געהאט חלות בשפע, מיר איז איבערגעבליבן צו דאנקען הקב"ה אז איך האב געקענט זיין דער ריכטיגער שליח צו צושטעלן חלות פאר אים אויף יום טוב.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: נ.ה.]

די פאראינטרעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

# מוותר זיין אינדערהיים!

**וַיֹּאמֶר הָאָדָם זֹאת הַפַּעַם עֶצֶם מֵעֲצָמַי וּבָשָׂר מִבְּשָׂרִי, לְזֹאת יִקָּרֵא 'אִשָּׁה', כִּי מֵאִישׁ לֻקֳחָה זֹּאת. עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ, וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ וְהָיוּ לְבָשָׂר אֶחָד"**

(בראשית ב כג-כד)

דער יסוד פון די מצוה 'וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ', וואו מיר זענען באפוילן געווארן אויפצושטעלן א בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, איז מיט די מדה פון מותר זיין, און דאס איז דער ערשטער תנאי צו אויפשטעלן א אידישע שטוב, און אונזער הצלחה דערין וועט זיין דורכן זיך איינהאנדלען די מדה פון ויתור, מוותר זיין נאך און נאך!

מיר וועלן קענען מוותר זיין, דורכן הארעווען אויף 'בִּטּוּל הַיֵּשׁ', ווען ער איז זיך מבטל פארן הייליגן באשעפער און זיין הייליגע תורה, צו טון יעדער זאך און אויספירן יעדן ענין בלויז לויט די תורה הקדושה. – אזוי ווי דער הייליגער אהבת ישראל ז"ע זאגט אז "ודבק באשתו", איז ראשי תיבות: "א'הבת ת'ורה ו'יראת ש'מים", וויל דורכדעם איז מען זוכה צו ביטול היש און צו די מדה פון ויתור, וואס פון איר וועט קומען דער שלום אין הויז.

דערמיט זענען די בעלי המוסר מפרש בדרך הפשט, דאס וואס די הייליגע גמרא זאגט אין מסכת ברכות (ח.): "בְּמַעֲרָבָא כִּי נָסֵיב אִינָשׁ אִתְּתָא, אָמְרֵי לֵיהּ הָכֵי: 'מָצָא אוֹ מוֹצֵא', 'מָצָא' דִּכְתִיב (משלי יח כב) 'מָצָא אִשָּׁה מָצָא טוֹב וַיָּפֶק רָצוֹן מֵה'', 'מוֹצֵא' דִּכְתִיב (קהלת ז, כו) וּמוֹצֶא אֲנִי מַר מִמָּוֶת אֶת הָאִשָּׁה וגו'". עס ווערט דארט אבער נישט ערקלערט וואס מען האט געוואלט זאגן פארן חתן דערמיט, און אויב האט מען טאקע געמיינט כפשוטו, צו פרעגן דעם חתן צי ער האט געפינען א גוטע ווייב אדער נישט, פארוואס זאל מען אים סתם טשעפען אינדערצייט פון זיין שמחה.

נאר דער פשט, זאגן זיי, איז אזוי – עס שטייט נישט אין די גמרא אז מען האט אים געפרעגט, נאר עס שטייט 'אמרי ליה', מען האט אים געזאגט, דאס הייסט אז מען האט אים געלאזט וויסן, אז ער האט צוויי וועגן וואס ער קען זיך אויסוועלן וועלכע ער וויל, 'מצא' אדער 'מוצא'. און וויאזוי וועט ער אויסקלויבן צווישן זיי? – אויב 'מָצָא אִשָּׁה', דאס מיינט אז ער טראכט אלעמאל וואס עס פעלט איר און ער זוכט איר גוטס און נישט זיין אייגענע טובה, דעמאלטס איז 'מָצָא טוֹב'. אבער אויב חלילה איז 'מוֹצֶא אֲנִי', אז ער זוכט אלעמאל זיין אייגענע טובה און זיינע אייגענע באדערפענישן, און נישט די באדערפענישן און גוטס פון זיין ווייב, דעמאלטס איז עס 'מַר מִמָּוֶת'...

-> • <-

עס האט מיר דערציילן אַן איש נאמן, וועלכער איז אן אייניקל פונעם 'ראש הקהל דק"ק סאטמאר ניו יורק', וואס ער איז געווען שטארק דבוק און מקושר צום הייליגן סאטמארער רב בעל "דברי יואל" זצוק"ל:

איינמאל איז זיין זיידע אנגעקומען צום הייליגן רבי'ן אינדערהיים, בביתו נאוה קודש, אין אן ערב שבת נאכמיטאג. עס איז דעמאלטס נישט געווען דער צייט פון קבלת קהל, און מען האט געווענליך נישט געקענט אריינגיין דעמאלטס. – אבער ווייבאלד ער איז געווען דער 'ראש הקהל' האט ער געדארפט קלארמאכן די סדרים פונעם שבת וואס קומט צוגיין, און דעריבער האט ער באקומען רשות אריינצוגיין.

ווען ער איז אריינגעקומען אין הויז, האט ער געזען ווי הרבנית הצדקנית ע"ה ברענגט אריין די טאץ מיט די שבת ליכט צום גרויסן טיש אין סאלאָן, און דער הייליגער רבי איז צוגעגאנגען צו איר און געפרעגט, פארוואס זי לייגט די ליכט אינעווייניג אין הויז? – ווייבאלד דער שטייגער איז געווען, אז ווען דער רבי האט געפירט 'טיש' אין בית המדרש פרייטיג צונאכטס, האט די רעבעצן דארט געצינדן די ליכט, ווייבאלד מען דארף צינדן די ליכט אינעם פלאץ וואו מען וועט עסן די סעודה (או"ח סי' רס"ג ס"י).

האט די רעבעצן געענטפערט: מען קען דאך אבער נישט פירן טיש היינט, ווייבאלד עס איז נישט פאר דיינע כוחות! היינט וועלן מיר עסן דעם שבת'דיגן סעודה אינדערהיים!

און דער רבי ענטפערט איר: דאס איז אבער אוממעגליך, ווייל אסאך געסט זענען שוין אריינגעקומען פאר שבת קודש, צווישן זיי עטליכע נגידים וועלכע ווילן מחזק זיין די מוסדות, אזוי אז איך בין געצוואונגען צו פירן טיש!

אזוי איז געווארן צווישן זיי א שטיקל 'דין ודברים', ביז די רעבעצן האט געזיגט, ווי דער שטייגער פון די פרויען אין מערסטנס פעלער... און דער רבי האט צוגעשטימט אז ער וועט נישט פירן טיש.

דער ראש הקהל וועלכער איז געשטאנען אין די זייט און געווארט פארן באשליס, און געוואלט זען וויאזוי דער זאך וועט אויסקומען, האט געפילט א חלישות הדעת, ווייל דא איז ער אלעמאל געווען איבערצייגט אז דער שטארקסטער מענטש אויף דער וועלט איז דער סאטמארער רבי! וואס דער גאנצער וועלט האט געציטערט פון אים... און דא זעט ער אז די רעבעצן איז נאך שטארקער ווי דער רבי זעלבסט...

אָן אזוי ווי ער איז אזוי געשטאנען אין זייט, ערשטוינט, האט דער הייליגער רבי אים באמערקט און געשפירט זיין פארלעגנהייט.

האט ער זיך געווענדן צו אים מיט זיין לעכטיגן שמייכל אויף זיין הייליג געזיכט, און זיך אנגערופן בפה קדשו: אין שלום בית ווענדט זיך אלעס נאר אין די מדה פון מוותר זיין – דער זיגער איז דער וועלכער איז מוותר!

-> • <-

אזוי ווי עס ווערט געברענגט אינעם ספה"ק הנהגות צדיקים אין די הייליגע הנהגות פון הרה"ק רבי יחיאל מיכל זלאטשובער זצוק"ל (אות ו'), וזה לשון קדשו: "וַתְּרָנוּת. – שֶׁיִּהְיֶה וַתְּרָן וכו', וְלֹא יַקְפִּיד בְּבֵיתוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, כִּי הַמַּחְלֹקֶת וְהַמְּרִיבָה בְּבֵיתוֹ שֶׁל אָדָם הוּא דָּבָר רָע רח"ל. – רַק אִם יוֹדֵעַ בְּעַצְמוֹ שֶׁלֹּא יִכְעֹס בְּלִבּוֹ, אֲזַי יִתְרָאֶה לִבּוֹ 'כְּאִלּוּ' הוּא מַקְפִּיד, אֲבָל חַס וְשָׁלוֹם שֶׁיִּהְיֶה הַקְפָּדָה וְכַעַס בְּלִבּוֹ! וַאֲפִילּוּ לִדְבַר מִצְוָה לֹא יִכְעֹס, כְּמוֹ שֶׁכָּתַב הָאֲרִ"י זללה"ה, רַק לִפְעָמִים יִתְרָאֶה בְּעַצְמוֹ 'כְּאִלּוּ' הוּא כּוֹעֵס, וְח"ו שֶׁיִּהְיֶה כַּעַס גָּמוּר, כִּי עֲוֹן הַכַּעַס גָּדוֹל עַד מְאֹד וכו'".

"וְיָסִיר מִדַּת הַכִּילוּת [הַקַּמְצָנוּת] מִלִּבּוֹ, כִּי הַכִּילוּת מוֹרֶה עַל הַדִּין כַּיָּדוּעַ. וּבְכָל הַדְּבָרִים הַנַּ"ל בְּמִדַּת וַתְּרָנוּת יְכַוֵּן לְהַמְשִׁיךְ שֶׁפַע הַחֲסָדִים עָלָיו וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל, כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה נַחַת רוּחַ לְיוֹצְרֵנוּ בָּרוּךְ הוּא".

אט דעם גרויסן כלל האבן אונזערע הייליגע חז"ל מרמז געווען אין די גמרא מסכת ראש השנה (ו.) זאגנדיג: "וְהָיָה בְךָ חֵטְא (דברים כג כב) – וְלֹא בְּאִשְׁתְּךָ חֵטְא", זע דארט די סוגיא. און מיר וויסן (ב"ר מב ג) אז יעדן מאל וואס עס שטייט 'וְהָיָה' איז עס א לָשׁוֹן פוּן שִׂמְחָה, וּלְשִׂמְחָה מַה זֶּה עֹשָׂה, ווען עס איז חלילה דא א זינד.

נאר דער פשט איז, אז דאס איז מרמז אז דער מענטש וועט זיין בשמחה, און אויב וועסטו געפינען 'בְךָ' ביי דיר אליין דעם 'חטא', דאס הייסט דעם חסרון! – דעמאלטס וועט זיין "וְלֹא בְּאִשְׁתְּךָ חֵטְא", וועסטו נישט ליידן צוליב דעם וואס עס פעלט עפעס אין דיין ווייב, ווייבאלד זי וועט דיר נישט טשעפען, און דו וועסט האבן שמחה!

-> • <-

פאלגנד וועלן מיר דערציילן א מעשה וואס ווערט דערציילט און עס טוט באלייכטן דעם פריערדיגן ענין אז מען זאל עס בעסער פארשטיין:

אמאל איז געווען א פארמעגליכער גביר, וואס זיין ווייב איז געפארן צו א ווייטע לאנד, כדי אריבערצוגיין גאר טייערע מעדעצינישע באהאנדלונגען. ווי פארשטענדליך האט זי זיך באזארגט מיט א גרויסע סומע געלט, אבער עטליכע חדשים שפעטער האט זי געזען אז די געלט איז נישט גענוג, ווייבאלד זי האט געמוזט אנקומען צו ווייטערדיגע מעדעצינישע באהאנדלונגען, און זי האט געדארפט וויכטיג האבן די סומע פון פופציג טויזנט רובל, טבין ותקילין.

די אידענע האט זיך אוועקגעזעצט און געשריבן א בריוו צו איר מאן איבער

המשך אין עמוד ד'

איר געדרוקטע צושטאנד, און האט אים געבעטן אז ער זאל איר תיכף שיקן דעם אויבנדערמאנטן גרויסן סומע, אז זי זאל האבן גענוג געלט פאר אלע אירע אויסגאבן אינעם ווייטן ארט וואו זי געפינט זיך.

אין יענע צייטן – נאך איידער מען האט געקענט 'אריבערפירן' געלט אזוי ווי היינט, און אוודאי זענען נישט געווען קרעדיט־קארטלעך און דאס גלייכן, איז דאס אריבערשיקן געלט פון איין לאנד צום אנדערן, איבערהויפט נישט געווען א לייכטע זאך.

אין אנהייב האט מען געווארט צו זען אויב מען וועט קענען געפינען א מענטש וואס פארט סיי־ווי צו יענע לאנד, און נאכדעם וואס מען האט שוין געפינען אזא מענטש, האט מען געדארפט מברר זיין אויב ער איז א באגלייבטער מענטש, און מען קען זיך פארלאזן אויף אים. וויבאלד נישט איינמאל האט מען געקענט אריינפאלן ביי איינער וואס האט זיך 'געמאכט' ווי ער פארט אהין, וועלכע האבן אריינגעפאקט די גאנצע געלט ביי זיך אין קעשענע, און זענען פארשוואונדן געווארן ווי די ערד וואלט זיי איינגעשלינגען.

אויך ווען מען האט שוין געפינען דער באגלייבטער מענטש, וועלכער האט שוין מסכים געווען צו נעמען אויף זיך די אחריות אריבערצופירן די געלט, האט שוין יענער גענומען א 'סכום הגון', א געפעפערטן פרייז פאר זיין ארבעט, און אראפגענומען פאר זיך א הויכן פראצענט פון די געלט, צוליב דעם וואס די אחריות איז געווען זייער גרויס. אין אנדערע ווערטער – נישט קיין לייכטער עסק...

ווען דער עושר האט באקומען דעם בריוו פון זיין ווייב, האט ער גלייך אנגעהויבן זוכן א פאסיגן שליח וועלכער פארט צו יענע לאנד, און איז גרייט אריבערצופירן דעם ריזיגן סומע פון פופציג טויזנט רובל צו זיין ווייב. נאך לאנגע זוכענישן, איז אים ענדליך געלונגען מיטן אויבערשטנ'ס הילף, צו טרעפן א באוואוסטן שליח, מיט וועמען ער האט זיך באגעגנט און אים געבעטן צו אונטערנעמען דעם שליחות און איבערגעבן דאס געלט צו זיין ווייב וועלכער געפינט זיך ווייט אוועק, מֵעֵבֶר לַיָּם.

דער שליח האט מסכים געווען אויסצופירן די שליחות מיטן פולסטן אחריות, אבער דא האט ארויסגעשפראצט א נישט־קליינער פראבלעם, איידער זיי קענען חתמ'נען אויפן קאנטראקט [הסכם]. ווען דער שליח האט געהערט די סומע וואס דער גביר איז גרייט צו צאלן פאר זיין טירחא, איז ער נישט גרייט געווען דערצו בשום אופן. ער איז באוואוסט געווען אלץ גאר א טייערער שליח! ער האט ווי פארשטענדליך אויסגענוצט דעם פאקט אז עס זענען נישט געווען קיין סאך באגלייבטע שליחים פון דעם סארט, און דאס אז מענטשן זוכן וויכטיג אריבערצופירן געלט תיכף ומיד, און האט זיך ערלויבט צו נעמען א גאר הויכע פרייז פאר זיין ארבעט.

אויך ווען דער גביר האט ערקלערט אז ער איז גרייט צו צאלן גאנצע טויזנט רובל, האט נאך אלץ דער שליח גע'טענה'ט אז די אחריות און דעם שווערן עול מיטן היטן אזא גרויסע סכום, איז ווערד מער ווי דעם. וויפיל דער גביר האט פראבירט אים צו איבערצייגן אז עס לוינט זיך אים, און אויך פראבירט העכערן די סומע, האט זיך דער שליח פאר'עקשנ'ט און געזאגט אז עס לוינט זיך נישט...

ווען דער עושר האט געזען אז זיי קענען זיך נישט דורכקומען איבערן פרייז, איז ער אויפגעקומען מיט גאר א געלונגענע פלאן, און אים געזאגט: דא האסטו דעם גאנצן קאווערט [ענוועלאפ/מעטפה] מיטן געלט, און דערפון זאלסטו געבן פאר מיין ווייב וויפיל דו ווילסט!

מער דערפון האט שוין דער שליח נישט געדארפט, און ער האט גלייך געשלאסן דעם קאנטראקט. זיי האבן זיך ביידע אוועקגעזעצט און מען האט געשריבן און גע'חתמ'עט אויף א קלארן שטר, וואו עס איז קלאר געשטאנען אז דער גביר שיקט מיט דעם שליח א קאנווערט מיט פופציג טויזנט דאלער, און דער שליח וועט אראפגעבן דערפון פאר די פרוי וויפיל ער וויל!

דער שליח האט זיך זייער דערפריידט מיטן געוואלדיגע מציאה וואס איז אים אריינגעפאלן אין האנט. ער איז אנגעקומען אין א מזל'דיגע שעה אין יענע לאנד, און לויטן אדרעס וואס ער האט געהאט אין האנט האט ער געפינען די פרוי. ער האט געעפנט אין פארנט פון איר דעם קאנווערט און איר געוויזן דעם אונטערגעשריבענעם דאקומענט, וואס איז אויסגעפילט געווארן דורך איר מאן, און דארט שטייט קלאר אז ער וועט איר געבן פונעם קאנווערט וועלכן סומע ער וויל. – אצינד, האט דער שליח געמאלדן פאר די פרוי, וויל איך פאר מיר ניין און פערציג טויזנט רובל! און פאר דיר וועל איך געבן בלויז איין טויזנט רובל...

די פרוי איז געבליבן שטיין ערשטוינט און צוטומלט: וואס טוט זיך דא? וויאזוי קען דאס זיין? זי דארף דאך וויכטיג האבן דעם גרויסן סומע געלט! וויאזוי האט איר קלוגער מאן איבערגעגעבן דאס געלט פאר אזא מאדנעם פארשוין, דעם אויסוואַל צו באשליסן וויפיל פראצענט איר צו געבן דערפון?

די פרוי איז געווען אויסערזיך, און האט געלאדנט דעם שליח צו קומען מיט איר צום דין תורה ביים רב פון שטאט. דער שליח האט מסכים געווען צו גיין צום דין תורה, זייענדיג איבערצייגט אין זיין גערעכטיגקייט. ער איז אנגעקומען צום בית דין מיט רואיגע און זיכערע טריט, און ארויסגענומען פון זיין טאש דעם אונטערגעשריבענעם שטר און עס אראפגעלייגט אויפן טאש.

ווען מען האט איבערגעקוקט דעם שטר, איז אלעס געפינען געווארן אין ארדענונג, און נאך די פארשידענע פארשונגען פונעם בית דין, האט מען געזען אז דער מענטש רעדט אמת, וויבאלד אזוי איז קלאר געשטאנען אינעם שטר, שווארץ אדער ווייס: "געב איר וויפיל דו ווילסט"!

דאס איז געווען זייער א וואונדערליכע חִידָה: פארוואס זאל א קלוגער איד טון אזא נארישקייט? פארוואס זאל ער לאזן די החלטה פארן שליח, צו געבן פאר די פרוי וויפיל ער וויל, אינדערצייט וואס עס איז דאך קלאר אז ער וועט נעמען דאס מערסטנס טייל פון די געלט פאר זיך אליין... עס מוז דאך זיין אז עפעס ליגט דא באהאלטן אונטער די מעשה? און פארוואס האט ער אונטערגעשריבענעם אויף אזא מאדנעם שטר?

וויבאלד דער רב און די דיינים האבן נישט געפינען קיין שום ענטפער צו זייער גרויסן וואונדער, האט דער רב געבעטן אז מען זאל לאזן ביי אים דעם שטר און אויך די געלט, כדי זיך צו קענען פארטיפן אין אט דעם פארוויקלטן דין תורה, און געזאגט אז זיי זאלן צוריקקומען אויפצומארגנס.

דעם קומענדיגן טאג, ווען ביידע צדדים זענען צוריקגעקומען צום בית דין כדי צו הערן דעם פְּסַק, האט דער רב נאכאמאל געפרעגט דעם שליח: פונקטליך וויפיל ווילסטו? – האט דער שליח געענטפערט: ניין און פערציג טויזנט רובל!

האט דער רב אויסגערופן מיט א זיגרייכן שמייכל: געב יעצט ארויס דעם סומע וואס דו ווילסט, ניין און פערציג אֲלָפִים, און געב עס צו די פרוי! – אזוי האט דאך דער מאן קלאר געשריבן אינעם שטר וואס ליגט דא פאר אונז: "געב איר וויפיל דו ווילסט", דאס מיינט, אז אט דעם סומע וואס דו אליין ווילסט האבן, דאס איז דער סומע וואס דו דארפסט געבן פאר די פרוי!

און דער וואונדערליכער מוסר השכל וואס מען לערנט ארויס פון דא, איז: "געב איר דאס וואס דו ווילסט"! דאס מיינט, אז דאס וואס דו ווילסט האבן פאר דיר זעלבסט, פונקט דאס זאלסטו איר געבן...

אט אזוי איז די ריכטיגע וועג צו מקיים זיין די מצוה פון (ויקרא יט, יח) "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ", געב פאר דיין חבר דאס וואס דו ווילסט און באגערסט צו האבן פאר דיר זעלבסט!

די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!

[redacted]

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173